הכנסת אורחים
לודמיר

פרשיות
פקודי – ויקרא
גליון 5

# לודמיר

**אן אייביגע קשר צום צדיק**

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע

## דער קארלינער פלאם

### די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי״ע

אין דער לעצטער פרק זענען מיר שטיין געבליבן דערציילנדיג ווי אזוי דער צדיק הרה״ק רבי שלמה קארלינער איז נתקרב געווארן צו חסידות.
אין דעם היינטיגן קאפיטעל וועלן מיר שילדערן די נאכווייען וואס ער האט געהאט צו ליידן פאר׳ן ווערן חסיד.
אין די פריערדיגע פרקים האבן מיר דערציילט אז זיין שווער איז געווען א פארמעגליכער איד און אז ביי זיין חתונה האט ער זיך אונטערגענומען אז ער גיי אים אויסגעהאלטן כל ימי חייו, ער זאל קענען זיצן און לערנען תורה במנוחה.
זיין שווער האט געהאלטן ווארט. נאך די חתונה האט ער אים צוגעשטעלט אלע געברויכן און דער רבי זצ״ל איז געזעסן און געלערנט בהתמדה רבה שטייגנדיג בתורה וביראת שמים.
אבער פון איין טאג צו די אנדערע זענען די גוטע צייטן געקומען צו אן ענדע.
זיין שווער איז געווען אן אויסגעשפראכענער מתנגד צו חסידות.
הערנדיג אז זיין איידעם איז נתקרב געווארן צו חסידות האט עס אים זייער פארדראסן.
ער האט אים געשיקט זאגן אז ער זאל זיך אויסוועלן איינס פון די צוויי, אדער בלייבט ער א חסיד, אדער גייט ער אים מער נישט שטיצן.
דער רבי וועלכער איז שוין בימים ההם געווען זייער דבוק אין די דרך החסידות האט נאכ׳ן איינזען דעם אמת זיך נישט פארקויפט פאר קיין געלט. מיט אן אייזערנער שטארקקייט האט ער אפגעווארפן די הצעה זאגנדיג אז ער וועט ליבערשט הונגערן ווי אויפגעבן זיין נשמה׳דיגער קשר צו זיין הייליגער רבי׳ן הרה״ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי״ע.
דער רבי האט געהאלטן ווארט, ער האט ממשיך געווען זיין קשר צו חסידים אבער אויך זיין שווער האט געהאלטן ווארט.
אויך ער האט גלייך אפגעשטעלט זיין קביעות׳דיגע תמיכה אין דעם רבי׳ן זצוק״ל און די הונגער האט זיך אנגעהויבן שפירן ביים רבי׳ן אין שטוב.
האבנדיג א שטוב מיט קליינע קינדער וועמען ער האט געדארפט מפרנס זיין איז די פרנסה געווען זייער שווער.
פון צופרי ביז ביינאכט איז דער רבי געזעסן אין שול און עוסק געווען בתורה ובקדושה זייענדיג שקוע אין עבודת ה׳ און זיך כמעט נישט אפגעגעבן מיט עניני פרנסה.
די הונגער און די נויט איז געווען אלץ מער דערדרוקענדער, די קינדער האבן נישט געהאט וואס צו עסן, די קליידער זענען געווען צעריסן.
איבער יענע צייטן נאך איידער די התגלות פון רבי׳ן זצ״ל ווערט דערציילט די פאלגענדע מעשה.
אין שכינות פון רבי׳ן האט געוואוינט א שניידער. דער שניידער איז געווען זייער א פשוטער איד, ער פלעגט טון זיין ארבעט באמנות, איין טאג האט ער באמערקט אז דער רבי לעבט אין א גרויסער דחקות.
נישט קענענדיג צוזען די גרויסע דחקות האט ער באשלאסן אז ער גייט אים אויסהאלטן.
מיט א זעלטענע געטריישאפט האט דער שניידער זיך אפגעגעבן מיט׳ן רבינ׳ס שטוב.
טאג טעגליך פלעגט ער קומען צוגיין און ברענגען עסן פאר׳ן רבי׳ן און זיין הויזגעזינד.
קיין גביר אדיר איז דער שניידער נישט געווען אבער ער האט געהאט פרנסה בריווח און פלעגט ברענגען אין שטוב ברויט, קעז, מילכיגס, אז די משפחה זאל זיך קענען דערהאלטן ביים לעבן.
א שטיק צייט האט אנגעהאלטן דער סדר. איין טאג איז דער שניידער קראנק געווארן און קורץ דערויף איז ער אוועק פון די וועלט. ווען מען איז געקומען דערציילן פאר׳ן רבי׳ן וואס דא האט פאסירט האט ער זיך אנגערופן אז מען זאל אים קומען רופן ביי די לויה.
דער רבי האט זיך אפגעגעבן ביי די טהרה, בכבודו ובעצמו האט ער געמאכט די טהרה, נאך דעם האט ער אים באגלייט ביז די בית החיים און נאך דעם וואס מען האט אים באגראבן האט דער רבי זצ״ל געמאכט א רינג מיט זיין שטעקן ארום זיין קבר.
לימים איז דער איד געקומען צום רבי׳ן אין חלום. ער האט אים דערציילט אז אנקומענדיג צו בית דין של מעלה איז געווארן א מלחמה צווישן די מידת הדין און די מידת הרחמים, יעדער האט גע׳טענה׳ט אז ער איז זיינער.
דער מידת הדין האט כמעט געווינען די מלחמה אבער דאן איז דער רבי געקומען און ארומגענומען דער קבר און קיין איינער האט מער נישט געקענט צורירן צו אים, ער איז ארויף גלייך אין גן עדן.
מיט דעם האט דער רבי אים מכיר טובה געווען פאר אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטון פאר אים די אלע יארן.

## צידה לדרך

**/ ׳גמרא׳ מלשון ׳גחלת׳ / קורצע אמרות פון רביה״ק זי״ע**

אין ספר הק׳ בית אהרן ווערט געברענגט בשם דער רבי זצ״ל אז ער האט אמאל געזאגט אז וועגן דעם רופט מען אן גמרא בלשון ׳גמרא׳ ווייל גמרא איז אויך מלשון ׳גומרא׳ א לשון פון קוילן ווי מען טרעפט אין חז״ל ׳גומרא דאושא׳.
דער רבי האט געגעבן צו פארשטיין אז דער נאמען איז מרמז ווי אזוי א איד דארף לערנען די תוה״ק, אז ווען א איד לערנט תורה לשמה ברענט אין אים א פייער צו הקב״ה און אז די פייער איז אזוי שטארק אז עס איז ווי קאכעדיגע קוילן פאר השי״ת.
דער בית אהרן לייגט צו אויף דעם אז דער ווארט איז מחייב אז וועגן דעם דארפן מיר זען אז די לימוד התורה זאל זיין בהכנעה, אז איידער מען זעצט זיך לערנען זאל מען מפשפש זיין במעשיו און מהרהר בתשובה זיין, אז די קדושה פון די תורה זאל קענען חל זיין בשלימות.

[בית אהרן סדר היום ליקוטים ה. א]

## ווארט פון צדיקים

**איבער די ציון הק׳ / ווי א מערה**

אין די פריערדיגע מאמרים האבן מיר אראפגעברענגט ווי אזוי דער ליבוואיטשער רבי דער רי״יץ וועלכע איז געווען אין לודמיר פאר׳ן קריג באשרייבט זיין באזוך.
מערקווירדיג פון זיין בריוו איז אז ער שרייבט אראפ ווי אזוי דער ציון הק׳ זעט אויס און פון זיינע ווערטער זעט אויס ווי א מערה.
פאלגענד איז זיין לשון מיט אן איבערזעצונג אויף אידיש: די אוהל איז זייער נידריג, עס זעט אויס ווי א מערה.
א צווייטער שילדערונג איז דא איבער די ציון הק׳ פון רבי׳ן דורך רבי ישראל חיים מלאדמיר זצ״ל. ער צייכנט אן אז אויפ׳ן ציון הק׳ פון דעם רבי׳ן שטייט נישט קיין שום טיטול, די איינציגסטער זאך וואס עס שטייט יא איז די ווערטער ׳לו דומיה תהילה׳.





על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו
פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי״ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: +972-5435-660

# ארויסגיין איין טאג פריער פון תפיסה!

זייער גרויס איז געווען די התרגשות פון די חסידים נאכ'ן הערן איבער דער שידוך שליסן פון די צוויי גרויסע חצרות קארלין און מעזבוש.

דער חתן איז געווען דער הייליגער צדיק רבי דוב בער, א זון פון מרן רבינו זצ"ל, די כלה איז געווען א טאכטער פון הגה"ק רבי ברוך מעזבוש'ער זי"ע.

צוויי מאל האט מען שוין געהאט באשטימט די טאג פון די חתונה, אבער צוויי מאל איז עס געווארן אפגעלייגט, נאך דעם וואס דער רבי זצ"ל האט פארטיילט די צוזאמענגעשטעלטע געלטער פאר די הוצאות החתונה אויף צדקה.



די שטאטישע שול אין לודמיר

די געשמאק אין א שטיקל צדקה פון רבי'ן זצ"ל איז געווען אין לשער ואין לתאר, מערערע מאל האט דער רבי געזאגט אויף זיך אז אין די צייט וואס אנדערע זענען הונגעריג אויף גשמיות'דיגע זאכן ליידט ער פון א הונגער אויף צדקה, ער איז הונגעריג צו געבן צדקה פאר א איד, פאר אן ארעמאן וואס נוטיגט זיך אין דעם.

נאך דעם וואס די ערשטע צוויי מאל איז נישט געבליבן קיין געלט האט מען צוזאמענגעשטעלט א געלט צום דריטן מאל. דאסמאל האבן די חסידים און אויך די משפחה געהאפט אז דאס געלט וועט בלייבן ביים רבי'ן און מער נישט פארטיילט ווערן פאר אנדערע.

די שמחה איז שוין געווען אין גרעסטן ברען ווען מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

מיט זעק און פעק, מיט פולע וועגענער פון אלע מלבושים, האט מען זיך געלאזט אין וועג אריין אנצוקומען קיין מעזבוש.

אבער אינדערצייט וואס יעדער האט שוין געטראכט איבער די חתונה זענען דעם רבינ'ס מחשבות געווען העכער, ער האט געשוועבט אין די העכערע הימלען.

זייענדיג אונטערוועגנס האט ער מיטאמאל געבעטן פון דער בעל העגלה אז ער זאל זיך פארדרייען דאס וועג און אריבערפארן נעבן די שטאט טשערנאבעל, די שטאט וואו עס האט געוואוינט דעם רבינ'ס ידיד, דער הייליגער בעל מאור עינים זי"ע.

שווערע צייטן איז אריבער אויפ'ן מאור עינים זי"ע. נאך דעם וואס נידערטרעכטיגע מענטשן האבן אויסגעטראכט אויף אים א בילבול האט מען אים איינגעשפארט אין תפיסה, וואו ער האט געדארפט ווילן פאר א שטיק צייט.

די ריכטער האבן אנגענומען די לעכערליכע אויסגעטראכטע טענות קעגן אים און מען האט אים צוגעטיילט א טורמע טערמין.

דער רבי איז אנקומען און נאכ'ן רעדן מיט די נאנטע פון דעם צדיק און אינטערעסירן וואס איז דער מצב האט ער אויסגעדוקט זיין באגער צו באזוכן זיין ידיד אין טורמע.

די נאנטע זענען דערציטערט געווארן פון דער געדאנק, די שטאטסלייט האבן קלארגעשטעלט פאר'ן רבי'ן אז דאס איז אן אוממעגליכער זאך, נאך דעם וואס די ארטיגע אויטאריטעטן לאזן קיין איינעם נישט אריין צום מאור עינים און זענען זייער שטרענג מיט דעם, אבער דער רבי האט נישט געוואלט הערן פון דעם.

דער רבי האט פארארבעט מעשים ביז ווען עס איז אים געלונגען און מען האט אים אריינגעלאזט אין צעל פון דער הייליגער מאור עינים זי"ע.

מיט א גרויסער מאס ידידות האבן די צוויי צדיקים זיך עמפאנגען, דער מאור עינים איז געווען אויסערליש בשמחה צו טרעפן זיין ידיד דא אין תפיסה.

א שטיק צייט האבן זיי גערעדט צווישן זיך העכערע זאכן.

מיטאמאל האט זיך דער רבי געגעבן א רוף אן צו דער מאור עינים, איך בין מרגיש אויף דיר אז דו האסט זיך מקבל געווען אז דו ווילסט זיך מוסר נפש זיין פאר'ן כלל ישראל.

"איך בעט דיר טוה עס נישט".

א פארוואונדעטער פון וואו דער רבי ווייסט עס האט דער צדיק מודה געווען אין דעם.

"איך האב געבעטן פאר הקב"ה אז אפילו מלאכים ושרפים זאלן נישט ויסן פון דעם און זיי ווייסן טאקע נישט. ווי אזוי ווייסטו דערוועגן?".

"די מלאכים ושרפים ווייסן נישט אבער שלמה בן יוטא ווייסט יא". האט זיך דער רבי אנגערופן.

נאך דעם וואס דער צדיק האט אים פארשפראכן אז ער ציט צוריק פון זיין געדאנק האט דער רבי זצ"ל אנגעהויבן צו טון ארויסצונעמען דער צדיק פון טורמע.

די טורמע טערמין פון דער מאור עינים האט שוין געהאלטן ביים ענדע. די פלאן איז געווען אז מארגן גייט ער ארויס פריי אבער דער רבי האט נישט גערוט.

"אויך איין טאג נישט".

נאכ'ן זיך אינטערעסירן ביי די באאמטע האט ער געהערט אז פאר די סומע פון פיר הונדערט רענדלעך קען דער מאור עינים ארויסגיין שוין היינט פון תפיסה.

פון זיין טאש האט ער ארויסגענומען די אפגעשפארטע געלט פאר די חתונה און עס איבערגעגעבן פאר די באהערדע מיט'ן באדינג אז דער רבי זאל ארויסקומען איין טאג פריער.

"קום מיט מיר קיין מעזבוש צו די גרויסע חתונה". האט זיך דער רבי זצ"ל געבעטן.

מיט א שמחה און א התרגשות האבן זיך די צוויי צדיקים ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צו די חתונה קיין מעזבוש.

צום דריטן מאל האט דער רבי זצ"ל נישט געהאט אויף די הוצאות החתונה אבער הקב"ה האט אים נישט פארלאזט.

[ספרן של צדיקים]

## מיין רייזע קיין לודמיר

### קרישעלעך פון א געהויבענע נסיעה קיין לודמיר

נישטערנדיג איבער אביסל ידיעה איבער די שטאט און איר שטארקע אידישע אנוועזנהייט זענען מיר דערגאנגען דער סוד אז ווען מען רעדט פון די שטאט לודמיר און איר היסטאריע מאכט א גרויסע נפקא מינה פון וועלכע יארן מען רעדט.

איין גרויסער חילוק איז בעפאר די יארן פון ת"ח ות|ט און נאך דעם און אויך אין די שפעטערע יארן ווען מען האט געוואוינט אין איר.

אנדערש ווי אסאך אנדערע שטעט וועלכע זענען געווען זייער שטארק מפורסם פאר די קריג איז לודמיר נישט געווען אזוי מפורסם פאר'ן קריג אלץ אן עיר ואם בישראל אבער אז מען גייט צוריק יארן פריער אין די יארן פאר ת"ח ות"ט איז די שטאט געווען איינס פון די גרעסטע אידישע שטעט אין דער אלטער היים.

די היסטארישע ביכער צייגן אז די אידישע באפעלקערונג אין די שטאט איז געווען זייער גרויס אבער די ביטערע גזירה פון ת"ח ות"ט האט חרוב געמאכט די שטאט.

די היסטאריקער ווייזן אן אז פון אזויפיל ווי עטליכע הונדערט משפחות טרעפט מען נאך די ת"ח ות"ט יארן אזויפיל ווי 35 אידן אין די שטאט.

עס טרעפט זיך זייער זעלטן ווען א שטאט זאל אזוי שטארק באטראפן ווערן פון די גזירה ווי די שטאט לודמיר.